# פולע טאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע זעה 3. זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 189 | Łódź, Niedziela, 14 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, יב מנחם אב תרצ"ב | № 189

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# היטלער וויל די גאנצע מאכט

## פרעז. הינדענבורג האט אפגעווארפען היטלער'ס פאדערונג

## נעכטיגע אודיענץ פון היטלער'ן ביים פרעזידענט הינדענבורג

בערלין, 13 (ספ. טעל.)

היינט באכמיטאג איז היטלער אויפגענומען געווארען הויכ'ן פרעזידענט הינדענבורג אין דער אנוועזענהייט פון קאנצלער פאפען.

אין אן אפיציעלען קאמוניקאט ווערט איבערגעגעבען:

פרעזידענט הינדענבורג האט זיך געווענדעט צו היטלער'ן, אז ער זאל אליין אריינטרעטען אין דער רעגירונג און זאל העלפען אייניגע פון זיינע פארשטעהער.

היטלער האט ערקלערט, אז ער איז מסכים, נאר בתנאי, מען זאל איהם איבערגעבען די פולע מאכט אין לאנד.

הינדענבורג האט די דאזיגע פאדערונג אפגעווארפען און ערקלערט, אז ער קען נישט בעהמען די פעראנטווארטליכקייט פאר היטלער'ס פאדערונג, נישט פאר'ן אייגענעם געוויסען און נישט פאר'ן פאטערלאנד.

צוליב דעם האבען זיך די היינטיגע אונטערהאנדלונגען נישט גינסטיג פארענדיגט.

### פאפען לעגט פאר היטלער'ן 3 טעקעס

בערלין, 13 (ספ. טעל.)

די אונטערהאנדלונגען צו שאפען די נייע רעגירונג האלטען זיך ביים ענדיגען.

היטלער איז געקומען קיין בערלין מיט אן אעראפלאן. צום ערשט איז ער אויפגענומען געווארען דורך פאפען און נאכדעם דורכ'ן פרעזידענט הינדענבורג.

פאפען האט ערקלערט היטלער'ן אין אן אפיציעלען פארם, אז ער איז גרייט אין זיין קאבינעט אנצופערטרויען די היטלעריסטען דריי טעקעס, דערונטער דעם אמט פון רייכס-קאנצלער און אינערן-מיניסטער.

אויב היטלער וועט זיך האלטען ביי דער פאדערונג איהם איבערצוגעבען די מיסיע צו שאפען דעם קאבינעט, וועט דאן דאס לעצטעווארט האבען הינדענבורג.

דער פלאן צו שאפען א קאאליציע-קאבינעט איז, ווייזט אויס, שוין צוקלאפט.

### דייטשען פלאנעווען אן אנפאל אויף פוילען

#### סענסאציאנעלע מאטעריאלען, וואס שטאמען פון ענגלישע קוועלען

פאריז, 13 (ספ. טעל.)

א פאריזער פאליטישער ווארכענשריפט האט פערעפענטליכט א סענסאציאנעלען געשפרעך צווישען פרינץ וואליע, פרעזידענט לעברען און הערי'א בעת'ן ענטהילען דעם דענקמאל פון די געפאלענע זעלנער אין טירפוועל.

דער פרינץ האט זיך פריהער פערשטענדיגט מיט'ן ענגלישען קעניג און מיט מאקדאנאלד'ען און האט נאכדעם איבערגעגעבען הערי'א'ן סענסאציאנעל מאטעריאל, לויט וועלכען עס איז צו זעהן, אז די דייטשען פלאנעווען א פלוצימדיגען איבערפאל אויף פאמערן.

די דאזיגע מאטעריאלען שטאמען פון אן ענגלישען אויספארש אין דאנציג.

### שענדליכע פראוואקאציע פון די היטלעריסטען

#### בנוגע די יודישע געמיינדע

בערלין, 13 (ימ"א טעלעגראפיש)

אין ארייה שטעט, איז צווישען דער יודישער בעפעלקערונג פערשפרייט געווארען אן אויפרוף, וועלכער איז אונטערגעשריבען פון א יודישער געמיינדע מיט דעם סאוויעטישען עמבלעם. ס'איז קיין ספק נישט, אז דאס איז א פראוואקאציע פון די נאציאנאל-סאציאליסטען. אין דעם אויפרוף ווערען די דייטשע יודען אויפגעפאדערט, צוזאמען מיט די קאמוניסטען צו בעקעמפען היטלער'ן.

ס'ווערט געפיהרט א שטרענגע אויספארשונג, אויסצוגעפינען דעם מקור פון דער דאזיגער שענדליכער פראוואקאציע.

### אונטערגעשריבען דער פויליש פראנצויזישער האנדלס-אפמאך

פאריז, 13 (ספ.)

נעכטען 12 מיט 45 איז אין פראנצויזישען האנדעל-מיניסטעריום אונטערגעשריבען געווארען דער פויליש-פראנצויזישער האנדעלס-אפמאך, וואס איז נוגע די דרינגענדיגסטע ענינים פון האנדעל אומזאץ צווישעןביידע לענדער.

מצד פראנקרייך האט דעם אפמאך אונטערגעשריבען הערי'א, מצד פוילען – דער אמבאסאדאר כלאפאווסקי.

### טעקסטיל-ארבייטער-שטרייק איז ענגלאנד

#### א האלבער מיליאן ארבייטער וועלע פערשטרייקען

לאנדאן, 13 (ספ. טעל.)

די אונטערהאנדלונגען צווישען די ענגלישע טעקסטיל-אינדוסטריעלער און ארבייטער, האלט ביים איבערגעריסען ווערען. די ענגלישע רעגירונג בעמיהט זיך נישט צו דערלאזען צו קיין שטרייק.

די צייטונגען זענען אבער מודיע, אז די ארבייטער וועלען היינט ענטפערן מיט א שטרייק, אויף די איבערגעריסענע אונטערהאנדלונגען. עס וועלען פערשטרייקען א האלבער מיליאן טעקסטיל-ארבייטער.





פראגראם:
כי לקח טוב נתתי לכם
כי הוא לבדו
אב הרחמים
שמע ישראל
ועל ידי עבדיך
אבינו מלכנו
ד"ד אל רחום ותנון
הבן יקיר לי אפרים
שיר השירים
רצה
אאידא ) מיט'ן ארקעסטער
טאסקא )

מיטוואך, ד. 17 אויגוסט, חמשה עשר באב, פינקטליך 8.30 אווענד, קומט פאר אין העלענאוו דער
גראנדיעזער קאנצערט
פאר'ן אפפאהרען נאך אמעריקא פון קעניג פון די חזנים
ר' גרשון סיראטא
מיט דער בעטייליגונג פון לאדזער פילהארמאנישער ארקעסטער
ביים קלאוויר דער בעריהמטער פיאניסט נ. סיראטא. ● אלע פלעצער צו 1.04 זל.

פארק
העלענאוו
טראמוואיען-צופאהר 8 און 4.

בילעטען-פארפערקויף:
ועלמאנאוויטש, פיעטריקאווער 12 (קאנדיטאריי)
וויינבערג, נאוואמיעסקא 30 (קאנדיטאריי)
און אין דער קאסע פון העלענאוו

